געווען זייער בלאַס און פון די אויגן האָבן אַרויסגעקוקט גאַנצע תהומות פון צער. קומענדיק אין לאַגער, איז ער געפאַלן אויף דער ערד, פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די אָרעמס און אַנטשוויגן געוואָרן. מיר זיינען אַלע אויפגעשטאַנען פון די געלעגערס און זיך אַרומגעקליבן לעבן אים. נאָך עטלעכע מינוט שוויגן, האָט ער דערציילט:

— האַלבע נאַכט זיינען מיר אָנגעקומען קיין באַראַנאָוויטש. עס איז געווען אַ ברענענדיקער פראָסט. מיר האָבן אַרומגעקרייזט די פינצטערע שטאָט, פאַרבייגעגאַנגען די אידישע גאַס, וואָס אַ טייל פון אירע הייזער זיינען געווען פאַרלאָזן און אַ טייל זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון גויים. דורך פאַרשיידענע באַמיאונגען האָבן מיר דערגרייכט דעם נאַצישן הויז, וועלכן מיר האָבן גלייך דערקענט. מיר האָבן געפונען אַ באַהאַלטעניש אונטער די טרעפּ פון אַ הויז קעגנאיבער. דאָרטן זיינען מיר געלעגן, איינגעקאָרטשעטע, זיך צוגעהערט און געוואַרט.

דאָס ליגן האָט געפּייניקט. די קעלט איז געווען ניט איבער־צוטראָגן. אין אַלע אברים האָט זיך צעגאָסן די מידקייט. כ'האָב אָנגעהויבן איינשלעפערן.

פלוצלונג פיל איך, ווי אַ האַנט באַרירט מיך. דאָס איז געווען איזי.

— משה'ל — זאָגט ער — דרימל ניט איין. דו קענסט נאָך פאַרפראָרן ווערן אין שלאָף. מיר טאָרן ניט פאַרמאַכן די אויגן. מיר וועלן נאָך פאַרשפּעטיקן...

— איזי, לאָז צורו! — בין איך געוואָרן ברוגז — איך האָב ערשט גערעדט מיטן טאַטן און דער מאַמען. זיי זיינען מיר געקו־מען צו חלום. איך האָב ווידער געזען מיין שוועסטער. זי איז גע־לעגן אויף דער ערד, אַ פאַרוואונדעטע, און געקרעכצט. איך האָב געשוואָרן נקמה צו נעמען. זיי האָבן זיך צוגעהערט.

ס'איז ווידער שטיל געוואָרן. איך בין וואַך, איך הער זיך צו, וואַרט און טראַכט.

פלוצלונג פיל איך, אַז איזי שלאָפט, ער איז אויך מיד, זייער מיד.

— איזי, שלאָף ניט — זאָג איך — באַלד וועט ווערן טאָג.

איזי האָט זיך אויפגעכאַפּט. אין דער פינצטער זע איך אַ פּאָר גרויסע אויגן. זיי שיינען אַזוי העל.

— משה'ל, וואָס האָסטו מיך אויפגעוועקט? איך האָב אויך געזען מיין טאַטע־מאַמע. איך האָב גערעדט מיט זיי. איך האָב געזען מיין באָבען, בעת מען האָט זי געפירט צו דער הריגה. איך האָב געוואָלט רעדן מיט זיי, דערציילן זיי, אַז איך לעב. גראָד אין דער רגע האָסטו מיך אויפגעוועקט.

ס'איז ווידער שטיל. שעה'ן ציען זיך, פאַרגייען.

מיר ליגן ביידע, איינגעקאָרטשעטע, צוגעטוליעטע איינער צום אַנדערן. מיר רירן זיך ניט. די קעלט דרינגט אריין אין די ביינער. מיר נעמען אַרויס עטלעכע שטיקלעך ברויט, פאַרפרוירענע ווי אייז, און קייען אין דער שטיל.

ס'ווערט טאָג. מיר פּרוּוון אַרויסקריכן פון אונזער באַהעל־טעניש. די פיס פאָלגן ניט — זיי זיינען פאַרגליווערט. פונדעסט־וועגן באַוויזן מיר איבערצוגיין די גאַס, מיר גייען אַריין אין הויף, אין דעם פאַרלאָזענעם שטאַל. פון דאַנען, פון פענצטערל, לויערן מיר אויף זיי.

צום סוף עפנט זיך אַ טיר און צוויי נאַציס גייען, ווי געוויינ־לעך, אַרויס צו דער אַרבעט. דריי זיינען דאָרטן געווען, אָבער ס'זיינען אַרויס בלויז צוויי! וואו איז דער דריטער? — איך חידוש זיך. אָבער אָט האָבן די צוויי פאַרשלאָסן די טיר און זיי האָבן דעם שליסל, ווי געוויינלעך, אַרויפגעלייגט ערגעץ אויבן.

— עס קען זיך דאָך ניט זיין, אַז דער דריטער זאָל זיין איבערוויניק. זיי האָבן דאָך פאַרשלאָסן די טיר!

(שלוס אויף זייט 104)

# שלמה המלך און דער אשמדאי

### פון מאיר זימל טקאַטש

א

קיניגט שלמה, זון פון דוד,
בליצט מיט חכמה און פאַרשטאַנד,
האָט ער זילבער, גאָלד און כבוד,
קלינגט מיט אים אַיעדעס לאַנד.

שלמה'ס חכמה קומען הערן
מלכים און די מלכת־שבאַ
און זיי כאַפּן זיך ביים שטערן —
אַזאַ חכם איז ניטאָ.

לאָזן אים צורו די גויים,
גייען ניט אויף אים אין קריג.
הייסט דעם בית־המקדש בויען
שלמה, אין זיין שטילן גליק.

ברענגט מען פון לבנון האָלצן,
קיזל, מאַרמאָר — פון די בערג,
גאָלד — פון אופיר, ריין געשמאָלצן,
צו באַצירן שלמה'ס ווערק.

אַלץ געבראַכט אין רויע שטיקער,
נאָר געצייג פון אייזן — ניט,
ווייל די שווערד פון בייזע קריגער
אויך פון אייזן ווערט געשמידט.

אָבער אידן ווילן פרידן,
„רג'ע ניט" איז גאָט'ס געבאָט.
בויען ס'הויז פון גאָט די אידן
אָן אַ האַק און אָן אַ דלאָט.

ווי זשע שפּאַלט מען ביימער־שטאַמען?
ווי זשע האַקט מען שטיינער צו?
איז אַ דימענטל אַזאַ מין
ערגעץ דאָ — מען ווייס ניט וואו.

שניידט דער דימענט אַלץ, ווי פּוטער,
„שמיר" הייסט ער, דער בריליאַנט,
אָבער ס'ווייס נאָר דער ניט־גוטער
וואו ער איז, אין וועמעס האַנט.

ב

קלוג איז שלמה, גרויס — זיין וויסן,
ווייס ער, אַז ניט אַלץ נאָך ווייס ער,
נאָר אַביסעלע פאַרריסן
איז ביי זיך דער קלוגער קיסר.

לערנט ער שכל פון די בינען,
לערנט ער זינגען פון דער סאָווע,
וויל אַליין אַלץ אויסגעפינען
און ער פרעגט ניט ביי קיין נביא.

* * *

פרעגט דער קיניג קלוגע מענשן:
— זאָגט מיר, וואָס איר ווייסט, חכמים,
וועגן דימענט דעם געבענשטן,
שמיר איז דעם דימענט'ס נאָמען? —

זאָגן די חכמים שלמה'ן:
— וויניק אין דיין אויער, ליידער,
האָבן מיר דיר איינצורוימען.
ס'ווייס דערפון אַ קינד אין חדר.

ערב־שבת, ווען באַגייסטערט
פון באַשאַפן וועלט און לעבן
איז געווען גאָט, האָט דער מייסטער
נאָך דעם שמיר צוגעגעבן.

מיטן שמיר האָט עס משה
די צוויי לוחות אויסגעשניטן.
אָבער פאַר די זינד די גרויסע
האָבן אים ניט מער די אידן.

וואו ס'איז איצט דער שמיר, קיסר,
שטייט ניט אין די קלוגע ספרים.
יאָ, מיר זיינען קנאַפּע ווייסער,
ס'איז דער גייסט פון מענשן אָרים. —

ענטפערט גייציק קיניג שלמה:
— אָבער איך וועל דאָס אַנטדעקן.
רייצן — רייצט מיך דאָס געהיימע,
ביי די שדים וועל איך פרעגן. —

רופן אָן זיך די חכמים:
— וואָס, די פינצטערע מלאכים?!
חכם איז דיין צווייטער נאָמען,
אָבער זיי ניט צופיל חכם. —

ג

שלמה האָט אַ הייליק רינגל,
שטייט געקריצט אויף אים גאָט'ס נאָמען.
שיצט דאָס רינגל פון ניט־גוטע,
אָבער שלמה טוט ניט אָן אים.

ווען ער קלעטערט אויפן לייטער
צו די שדים אויפן בוידעם.
— מיך באַשיצן וועט מיין חכמה, —
טראַכט דער חכם ניט באַשיידן.